*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת ויחי

### ויחי (א)

אין דער פרשה ווערט דערציילט אז יוסף האט געברענגט זיינע צוויי זין, מנשה און אפרים, צו זיין פאטער יעקב אבינו אז ער זאל זיי בענטשן. יוסף האט אוועקגעשטעלט מנשה דער בכור אויף דער רעכטער זייט פון יעקב און אפרים אויף יעקב'ס לינקע זייט. אבער יעקב האט געלייגט זיין רעכטע האנט אויף אפרים, דער אינגערער זון, און זיין לינקע האנט אויף מנשה דער עלטערער זון. יוסף האט געזאגט צו זיין פאטער: טאטע, לייג דיין רעכטע האנט אויף מנשה דער בכור. האט יעקב געענטפערט: איך ווייס מיין זון, מנשה וועט זיין גרויס, אבער אפרים וועט זיין גרעסער פון עם.

דער כלי יקר (א מפורש אויף חומש וועמען דער צמח צדק ברענגט אפט מאל. עס איז געדרוקט אין מקראות גדולות חומשים) ערקלערט די חילוקי דיעות צווישן יעקב און יוסף:

יוסף האט געהאלטן אז יעקב'ס רעכטע האנט באלאנגט אויף מנשה ווייל ער איז דער בכור און ער איז *גרעסער*. יעקב אבינו האט אבער געזאגט אז דער אויבערשטער גלייכט *קטנים*, און דערפאר דארף זיין רעכטע האנט אויף "אחיו הקטן".

יעדער איד האט אין זיך גרויסקייט און קליינקייט. זיין גרויסקייט איז וויפיל תורה ער לערנט און וויפיל מצוות ער איז מקיים. זיין קליינקייט איז ווי קליין ער האלט זיך טראץ דעם וואס ער איז זייער גרויס.

דער אויבערשטער גלייכט קטנים. ער האט אויסגעקליבן דעם אידישן פאלק ניט ווייל זיי זיינען גרויס, נאר ווייל זיי זיינען קליין: "לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם העמים" (ניט ווײלע איר זיינט א סך, האט אייך דער אויבערשטער ליב) נאר "כי אתם המעט מכל העמים" (רש"י זאגט: "אתם המעט", איר מאכט זיך ווייניג און קליין, אזוי ווי אברהם אבינו האט אויף זיך געזאגט ואנכי עפר ואפר, און ווי משה ואהרן האבן געזאגט ונחנו מה).

האלטן זיך קליין ערמעגליכט צו פארשטיין בעסער תורה, ווי מיר זאגן אין שמונה עשרה "ונפשי כעפר לכל תהי-ה פתח לבי בתורתך". ווען עפענט דער אויבערשטער דעם הארץ פון א אידן צו פארשטיין תורה, ווען ער האלט זיך ווי די שטויב פון דער ערד לגבי אנדערע מענטשן.

האלטן זיך קליין ברענגט אויך צו דאווענען בעסער, ווי די משנה זאגט "אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש" און רש"י טייטשט "הכנעה" אז מען האלט זיך קליין. אויך די שכינה רוט נאר ביי איינעם וואס איז א שפל רוח, ווי דער פסוק זאגט "אשכון ואת דכא ושפל רוח".

דערפאר האט יעקב אבינו געלייגט זיין רעכטע האנט אויף אפרים דעם *קטן*.

(שיחה ל"צבאות השם")

## ויחי (ב)

די ברכה מיט וועלכע יעקב האט געבענטשט זיין זון אשר איז: מאשר שמנה לחמו. זאגט אויף דעם רש"י אז דאס מיינט אז ביי עם זאל זיין א סאך בוימל. און רש"י איז מוסיף אז דאס איז אויך געווען משה רבינו'ס ברכה צו אשר - וטובל בשמן רגלו.

אויך שטייט אין פרשת ברכה אז "יהי רצוי אחיו". און חז"ל זאגן אז ער האט געגעבן שפייז צו די איבעריגע אידן בשנת השמיטה.

דארף מען פארשטיין:

ביי שמיטה שטייט דאך אין דער תורה "וכי תאמרו מה נאכל גו' וצויתי את ברכתי גו'", האט דאך די ברכה געדארפט זיין ביי אלע שבטים, איז פארוואס האבן די שבטים געדארפט אנקומען צו שבט אשר?

דער ענטפער איז:

ווען א איד פלאנצט ניט א גאנצן יאר, ווערט ביי עם א שטארקע קשיא פון וואנענט וועט ער האבן וואס צו עסן. פונדעסטוועגן היט ער די דינים כאטש ער האט א קשיא. א איד טוט א מצוה מיט קבלת עול, כאטש ער פארשטייט ניט פארוואס און ווי אזוי. צוליב דעם קבלת עול, גיט עם דער אויבערשטער די ברכה, "וצויתי את ברכתי" אז ער זאל האבן וואס צו עסן אין זיבעטן יאר.

פון וואנענט קומט צו א אידן אזא כח פון קבלת עול אז ער אקערט ניט און פלאנצט ניט א גאנץ יאר, כאטש ער ווייסט ניט פון וואנענט ער וועט עסן? פון אשר.

ווי דערמאנט פריער, שטייט ביי אשר "וטובל בשמן רגלו". א מענטש האט א קאפ און פיס. א קאפ פארשטייט, אבער די פיס פארשטייען ניט, נאר זיי גייען. פיס איז דער עבודה פון קבלת עול. דאס מיינט אז מען טוט א מצוה (אפילו מען פארשטייט ניט, נאר) ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן. שמן באווייזט אויף חכמה, וואס דערפאר האט מען אנגעצונדן די מנורה אין בית המקדש מיט שמן. די ליכטיקייט פון די מנורה באווייזט אויף תורה אור, ווייל תורה גיט א אידן פארשטאנד און ליכטיקייט ווי צו פירן זיך. "וטובל בשמן רגלו" מיינט אז די עבודה פון רגל וואס דאס איז קבלת עול איז העכער פון די עבודה פון שמן וואס דאס איז פארשטאנד, און דערפאר טובל'ט ער די פיס אין בוימל.

דער כח פון קבלת עול האט אשר משפיע געווען צו אלע אידן.

(לקו"ש ח"א ע' 102)

## ויחי (ג)

אין דער היינטיגער פרשה האט יעקב אבינו געבענטשט די שבטים פאר זיין טויט. אויך משה רבינו האט געבענטשט די שבטים פאר זיין טויט.

אין פרשת וזאת הברכה זאגט משה רבינו צו אשר: "ברוך מבנים אשר". רש"י ברייננגט בשם הספרי "אין לך בכל השבטים שנתברך בבנים כאשר" (עס איז ניטא איינער צווישען אלע שבטים געבענטשט מיט קינדער ווי אשר), און רש"י לייגט צו "ואיני יודע כיצד" (איך ווייס ניט ווי אזוי).

רש"י זאגט "ואיני יודע כיצד" ווייל אין דעם מנין בני ישראל זעט מען ניט אז אין שבט אשר זאל זיין א גרעסערע צאל ווי אין די אנדערע שבטים.

מען קען ערלקערן די ווערטער פון ספרי, לויט דעם מאמר חז"ל שקול זה כנגד כו' (אז אשר וועגט אריבער אלע שבטים מצד די באזונדערע מעלות וועלכע זיינען פאראן ביי עם). אין אונזער ענין מיינט עס, האבן גרויס נחת פון קינדער. מען איז זוכה צו קינדער וועלכע גייען בדרכי התורה והמצוות, און מען האט פון זיי פיל נחת, מערער און מערער ווי פון א סאך קינדער.

דערמיט איז מובן וואס עס שטייט: "וארבה את זרעו ואתן לו את יצחק" (איך וועל מערן זיינע קינדער און איך וועל עם געבן יצחק'ן). פרעגט דער רבי מהורש"ב נ"ע: ער זאגט וארבה את זרעו, אז ער וועט האבן א סאך קינדער, און פירט אויס א בן יחיד, יצחק'ן? נאר דער ענין איז ווי ערלקערט, אז מען קען האבן נחת פון איינעם מערער ווי פון א סאך, ביז אז עס קען גאר זיין איינער וואס איז שקול כנגד ששים רבוא, אזוי ווי משה רבינו שהי' שקול כנגד כל ישראל.

אין מדרש שטייט אז פאר מתן תורה האט דער אויבערשטער געפאדערט פון אידן, זיי זאלן צושטעלן ערבים. די אידן האבן פארגעלייגט פארשידענע ערבים, אבער דער אויבערשטער האט זיי ניט אנגענומען, ביז די אידן האבן געזאגט "בנינו ערבים בעדנו" - אונזער קינדער וועלן גאראנטירן פאר אונז.

אין א מענטשנ'ס לעבן זיינען פאראן פארשידענע מדריגות: בן חמש למקרא, בן עשר למשנה וכו'. די נידעריקסטע (ערשטע) מדריגה איז תינוקות של בית רבן. זיי זיינען אזוי ווי דער פוס פון א מענטש'ן וואס איז דער נידעריקסטער טייל פון עם. אבער אויף דעם פוס האלט זיך די קאפ. אזוי אויך זיינען תינוקות של בית רבן דער יסוד פון גאנצן אידישן פאלק.

(לקו"ש ח"א ע' 109)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"